קונטרס

# לשון רבינו

דברי תורה

## מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

פרשת ראה

יו"ל ע"י

**וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל**

**שע"י קהל דברי יחזקאל שינאווא – מאנסי נ.י.**

שנת תשפ"ג לפ"ק

באידיש - בלתי מוגה

כל הזכויות שמורות

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ וגו׳ וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ וגו׳.**

א) ׳אנכי נותן׳, איך גיב אייך, וואס איז די כוונה פונ׳ן לשון ׳נותן׳? ׳נתינה׳ איז שייך ווען מ׳גיבט א חפץ, א מתנה, וכדו׳, אבער דא וויל דאך דער פסוק זאגן אז דו האסט פאר דיר אן אויסוואל פון צוויי וועגן, איז דאך גענוג צו זאגן: ׳ראה לפניכם היום ברכה וקללה׳,

נאכמער איז שווער, מען רעדט דאך דא אויך פון קללה, און מען ווייסט דאך דעם כלל אז ׳מאתו לא תצא הרעות׳, דער אייבערשטער איז נישט מייחד זיין נאמען אויף ׳רע׳, נו, ווי פאסט זיך צו זאגן דעם לשון ׳אנכי נותן׳ אויף קללה?

ב) אויך איז שווער דער כפל הלשון: ראה אנכי וגו׳ ברכה וקללה, את הברכה אשר וגו׳ והקללה אשר וגו׳, עס וואלט דאך געקענט שטיין: ׳ראה אנכי נותן לפניכם היום את הברכה אשר תשמעו וגו׳ והקללה אם לא תשמעו׳, פארוואס איז ער מקדים ׳ברכה וקללה׳, און דערנאך גייט ער נאכאמאל צוריק און חזר׳ט איבער ׳את הברכה וגו׳ והקללה וגו׳?

ג) דער דעת זקנים זאגט: **״נותן לפניכם היום - בעולם הזה הם ברכה וקללה, אבל לימות המשיח כולם ברכה״.** בעולם הזה איז פארהאן צוויי זאכן, א ברכה און א קללה, אבער לעתיד וועלן אלע זיין ברכה. דארף מען פארשטיין די כוונה דערפון.

ד) דער מדרש זאגט (דברים רבה פ״ד פ״ג): **״ראה אנכי, אמר רבי חגי ולא עוד שנתתי לכם שני דרכים אלא שנכנסתי לפנים משורת הדין, ואמרתי לכם ובחרת בחיים״.** נישט בלויז וואס איך האב אייך געגעבן צוויי דרכים, נאר איך האב אייך געטון מער פונעם שורת הדין, אז איך האב אייך אויך געזאגט ׳ובחרת בחיים׳, אז דו זאלסט אויסוועלן אינעם דרך החיים. בפשטות זעט אויס פונעם מדרש, אז דער עצם זאך פון ׳שנתתי

לכם שני דרכים' איז שוין א געוואלדיגע טובה, נאר מיט דעם 'ובחרת בחיים' איז צוגעקומען נאך א גרעסערע טובה. לכאורה איז שווער צו פארשטיין: וואס איז די טובה פון דיביידע דרכים? אויבנאויף איז דאך נאר דער 'דרך הברכה' א גוטע זאך, אבער דער 'דרך הקללה' איז דאך נישט גוט, ס'וואלט דאך בעסער געווען ווען מען שטראפט בכלל נישט, נו אויב אזוי, זענען דאך נישט 'ביידע' דרכים א טובה?

באמת פרעגן טאקע די ראשונים אויפן עצם ענין פון עונש בכלליות: פארוואס איז נישט גענוג צו זאגן: "אויב היט מען די תורה באקומט מען שכר, און אויב  איז מען עובר אויף די תורה באקומט מען נישט קיין שכר, דו וועסט דערלייגן א געוואלדיגן שכר". פארוואס מוז עס צוגיין אויף אן אופן פון 'באקומען שכר אדער עונש'? די ראשונים פארענטפערן פארשידענע תירוצים דערויף, עכ"פ פון זייער קשיא זעט מען אבער, אז דער דרך פון 'קללה' איז גארנישט אזא גוטע זאך. און דא זאגט דער מדרש: "ולא עוד שנתתי לכם שני דרכים", אז די בחינה פון 'ברכה וקללה' איז גאר א גוטע זאך?

כדי צו פארענטפערן העמיר מקדים זיין א בחינה פונעם בית שמואל אחרון (פרשת יתרו). אויף די גמרא (שבת פ"ח ע"א): "**ויתיצבו בתחתית ההר אמר רב אבדימי בר חמא בר חסא מלמד שכפה הקדוש ברוך הוא עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם**", דער אייבערשטער האט ארויפגעלייגט דעם בארג איבער זיי, און געזאגט: "טאמער זענט עטץ מקבל די תורה איז גוט, און טאמער נישט, וועט עטץ בלייבן דא באגראבן. פרעגט תוספות (ד"ה כפה): צו וואס האט אויסגעפעלט די כפיית ההר, אידן האבן דאך שוין געהאט פריער געזאגט 'נעשה ונשמע'?

ענטפערט דער בית שמואל אחרון א טייערע בחינה, אז דער עיקר חשיבות פון א מצוה מעסט זיך אין דער ריינקייט פונעם 'לשמה'.,ווי מער מען טוט

דאס ׳לשמה׳ אלס העכער און חשוב׳ער איז די מצוה. [ווי מען זאגט נאך פון רבי פנחס קאריצער זצ״ל, אז אויף די עלטערע יארן, האט ער געזאגט: ״איך די יונגע יארן האב איך שוין טאקע געהערט ׳כרוזים מן השמים׳ און איך האב שוין געהאט גרויסע מדריגות, אבער עס איז נאכנישט געווען ׳אמת׳, היינט איז דאס אמת״. זעט מען פון דעם, אז דער עיקר גדלות פון א מענטש מעסט זיך נישט לויט ׳וואס׳ ער טוט, נאר ׳וויאזוי׳ ער טוט, די איכות המצוה, ער קען אפילו הערן כרוזים מן השמים, אבער אויב אינעם דקות איז דאס נאכנישט מיט׳ן גאנצן ריינקייט פון אמת, האט דאס נאכנישט די ריכטיגע חשיבות].

מיט דעם זאגט דער בית שמואל אחרון פשט אין די גמרא: אידן האבן טאקע געהאט געזאגט ׳נעשה ונשמע׳ און זענען גרייט געווען צו נעמען די תורה מיט א ריינע כוונה פון לשמה, טאקע נאר ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, אבער זייער ׳לשמה׳ איז נישט געווען קיין ׳עבודה׳ ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין שום נסיון, קיין שום זייטיגע סיבה צו מיינען ׳שלא לשמה׳. דערפאר האט דער אייבערשטער כופה געווען דעם בארג, און זיי געזאגט: איר מוזט מקבל זיין די תורה, ווייל אויב נישט, וועט זיין ׳שם תהא קבורתכם׳, יעצט האבן שוין אידן געהאט א נסיון פון ׳שלא לשמה׳, מקבל צו זיין די תורה צוליב דעם פחד פון ׳שם תהא קבורתכם׳. אבער די אידן האבן געזאגט: ניין, מיר זאגן ווייטער ׳נעשה ונשמע׳ נאר פאר׳ן אייבערשטנ׳ס וועגן, אן קיין שום אייגענע חשבונות! נישט צוליב אונזער פחד זענען מיר מקבל די תורה, נאר בלויז ׳לשמה׳. און דאס איז טאקע געווען די כוונה העליונה מיט גאנצן ׳כפיית ההר׳, כדי אויפצוהייבן די אידן, אז דער ׳נעשה ונשמע׳ זאל זיין אסאך העכער און חשוב׳ער, האבנדיג אין זיך אזא ריינקייט און ערנסטקייט פון מיינען בלויז דעם אייבערשטן, כאטש וואס זיי ווערן דורכדעם געראטעוועט פון דעם ׳שם תהא קבורתכם׳.

מיט די זעלבע בחינה זאגט דער בית שמואל אחרון ביי דער פרשה פון

עקידת יצחק. עס שטייט (בראשית כ״ב, י״ב): **״ויאמר אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה כי עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה״**. איז דאך שווער: ׳עתה ידעתי׳ הערשט יעצט, נאכדעם וואס מען האט אים געהייסן אראפנעמען יצחק׳ן פון דער עקידה, איז ארויסגעקומען אז אברהם איז א ׳ירא אלקים׳? דאס איז דאך לכאורה בעיקר נתברר געווארן פריער, בשעת ער האט ארויפגעברענגט יצחק׳ן אויף דער עקידה? וואס איז דער ׳עתה׳ ידעתי?

זאגט דער בית שמואל אחרון פשט: דער פריערדיגער נסיון פון ארויפברענגען יצחק אויף דער עקידה, איז נאכנישט געווען אזא גרויסער נסיון און האט נישט ארויסגעברענגט אזוי ווייט דעם ׳ירא אלקים אתה׳, ווייל דאס איז דאך די עבודה ביי צדיקים אז זיי גיבן זיך אלעס אוועק פארן אייבערשטן, אבער נאכדעם וואס מ׳האט אים געהייסן אראפנעמען יצחק פון דער עקידה, דעמאלט האט שוין אברהם געדארפט ארבעטן מיט זיך, אז די סיבה פארוואס ער זאל ׳נישט׳ שחט׳ן יצחק זאל זיין בלויז לשם שמים, ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געזאגט, און עס איז גארנישט אריינגעאנגען אין אים קיין שום הרגש פון שמחה אז ער באקומט יעצט צוריק זיין באליבטער בן יחיד, עס איז געווען בלויז ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט ׳אל תשלח ידך׳. דערפאר שטייט הערשט יעצט: ״עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה״.

מיט דעם בחינה וואס דער בית שמואל אחרון זאגט, אז דאס האט דער אייבערשטער געטון מיט א ספעציעלע כוונה, כדי אויפצוהייבן די ריינקייט פונעם ׳לשמה׳, אז עס זאל זיין א נסיון פון מיינען ׳זיך׳, און דאך זיך מתגבר זיין און טון בלויז לשם שמים, די זעלבע בחינה קען מען זאגן כלפי דעם גאנצן ענין וואס די תורה זאגט דא ׳ברכה וקללה׳, די כוונה איז ׳נישט׳ אז מ׳זאל מקיים זיין תורה ומצות צוליב אהבת שכר ויראת העונש, נאר אדרבה, די כוונה פון ׳ברכה וקללה׳ איז אז דער מענטש זאל האבן דעם נסיון מקיים צו זיין תורה ומצוות צוליב אייגענע אינטערעסן, און דאך עס טון נאר מיט א

ריינקייט פון ׳לשמה׳, פארן אייבערשטן אליין.[1]

לויט דעם קען מען זייער גוט פארשטיין דעם פסוק: ״ראה אנכי נותן לפניכם״, ׳נותן׳ איז א לשון פון א ׳מתנה׳. דער אייבערשטער זאגט: דו זאלסט וויסן, אז איך געב דיר יעצט א מתנה, א זאך וואס דאס וועט זיין די גרעסטע טובה פאר דיר. וואס איז די מתנה? זאגט דער פסוק: ׳דער נסיון פון ברכה וקללה׳, דער עצם זאך וואס עס איז פארהאן אזא מציאות פון ׳ברכה וקללה׳ און דו וועסט דיך מתגבר זיין און נישט מיינען זיך, נאר מקיים זיין די תורה און טון דעם רצון הבורא נישט צוליב די ברכה און קללה, נאר צוליב דעם רצון ה׳, אט דאס איז די מתנה! ווייל דורכדעם וועט עטץ אנקומען צו א געוואלדיגע הויכע מדריגה פון ריינקייט ׳לשם שמים׳. דערנאך איז די תורה הערשט מפרש אויף וועלכע וועג די ברכה וועט ווערן אויסגעפירט: ״את הברכה אשר תשמעו וגו׳, והקללה אם לא תשמעו״.

מיט דעם קען מען פארשטיין די ווערטער פונעם דעת זקנים: ״בעולם הזה הם ברכה וקללה אבל לימות המשיח כולם ברכה״. דאס הייסט, יעצט בעולם הזה זעט מען נאכנישט דעם גרויסן חשיבות פון א מצוה וואס מען טוט ׳לשמה׳, דערפאר קען מען נאך מיינען אז די קללה איז נישט קיין גוטע זאך. אבער לימות המשיח, וואס דעמאלט וועט מען דאך געבן שכר פאר יעדע מצוה וואס מען האט געטון, און דעמאלט וועט זיך ארויסשטעלן דאס חשיבות פון ׳לשמה׳, דערפאר וועט מען דעמאלט זען, אז די קללה איז אויך א ברכה, ווייל דער גאנצער עבודות ה׳ איז געווארן דערהויבן דוקא דורכדעם וואס מען האט געהאט א נסיון פון טון צוליב פחד פון ׳קללה׳, און דאך האט מען עס געטון לשם שמים, און אדאנק דעם איז מען אנגעקומען צו א געוואלדיגע מדריגה.

דאס זאגט דער מדרש: ״ולא עוד שנתתי לכם שני דרכים״, מיט דעם עצם

1 ובאופן זה פירש רבינו זי״ע את הגמרא מסכת מגילה (כ״ה ע״ב) מהו דתימא ניחוש דלמא אתו למעבד מאהבה ומיראה וכו׳, ועוד חזון למועד בעז״ה.

זאך וואס איך האב אייך געגעבן די צוויי דרכים, אפילו דער 'דרך הקללה', האב איך אייך געטון א געוואלדיגע טובה. ווייל דורכדעם וועלן ענקערע מצוות און ענקער שמירת החטא ווערן דערהויבן באופן נעלה וואס האט נישט קיין שיעור.[2]

*

**היוצא לנו מזה:** ווען א איד טוט א מצוה זאל ער פרובירן אז אנדערע זאלן וואס ווייניגער זען און וויסן דערפון, ווייל א איד דארף זען נישט צו צוקומען צו קיין נסיון פון פניות. און וואס מער ער קען דאס אויסבאהאלטן איז אלץ חשוב'ער, ווייל א מצוה וואס מען טוט און קיינער ווייסט נישט דערפון האט דאס נישט קיין שיעור און קיין ערך, עס איז אסאך אסאך גרעסער ווי א מצוה וואס מענטשן ווייסן יא דערפון.

אויב איז דער מענטש אין א מצב פון א נסיון פון פניות, דארף ער וויסן אז דער נסיון האט אים דער אייבערשטער דוקא געגעבן מיט א כוונה אז ער זאל זיך מתגבר זיין און עס נישט טון צוליב קיין פניות, נאר צוליב דעם אייבערשטן, און טון ווי דער חובת הלבבות זאגט (שער אהבת ה' פ"ג): **"ויהיה מקום מלא בני אדם בעיניך כלא מלא"**, ווען דו דאוונסט און לערנסט, זאל זיין ביי דיר כאילו עס איז קיינער נישט דא. און כאטש וואס דאס איז א מדרגה פון א צדיק, וואס ער קען זיך מדבק זיין מיט אזא מין דביקות, אז עס איז גארנישט שייך ביי איהם קיין פניות, ער איז גארנישט דא בשעת זיין עבודה, דארף אבער יעדער איד, אפילו אויב ער האלט נאכנישט דארט, ארבעטן אויף דעם און כאטש גיין אין דעם ריכטונג פון 'לשם שמים'.

*

[2] ובזה פירש רבינו זי"ע גם המשך דברי המדרש, אלא שאמרתי לכם ובחרת בחיים, היינו שהחיות שלכם יהי' מתוך מצוות ומעשים טובים, ואין זה סתירה לכוון רק לשם שמים, שהחיות בעשיית המצוה בדביקות מעלה את איכות המצוה למדריגה רמה לשם שמים. ובאופן זה פירש גם את הפסוק כמעשה ארץ מצרים וגו' וחי בהם. וגם את המאמר חז"ל (אבות ד' ב') שכר מצוה מצוה, ועוד חזון למועד בעז"ה.

וויפיל מען האט גערעדט די גרויסקייט פון טון פארן אייבערשטנ׳ס וועגן, און נישט צוליב די ׳ברכה וקללה׳, וואס אודאי איז דאס א געוואלדיגע מדרגה, אבער אין א געוויסן זין קען מען זאגן, אז א מצוה וואס מען טוט היינט, אינעם היינטיגן מצב הדור, איז גאר א גרויסע בחינה, צו טון א מצוה אין אזא פינסטער, נידריג און שפל׳דיג דור איז נאך גרעסער פון די סארט נסיונות. אין אינ׳אמת׳ן, קען מען היינט זאגן: אויב א איד טוט היינט א מצוה, וויאזוי ער טוט עס נאר, איז דאס א בחינה פון לשם שמים, ווייל דער הסתר פנים איז דאך ליידער אזוי גרויס, אן קיין שיעור און קיין ערך, מען געפעלט שוין ליידער קיינעם נישט מיטן טון א מצוה, ממילא, אויב נישט פארן אייבערשטן, פאר וועמען דען טוט מען דאס? היינט טוט מען נאר פארן אייבערשטן, נאר דאס מיינט מען היינט.

נאר עם כל זה, דארף א איד זוכן אז עס זאל זיין וואס מער ריינער און ריינער, און אז מען טוט וואס מען קען העלפט דער אייבערשטער, ווי עס שטייט (מכות י׳ ע״ב): ״בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו״, און ״הבא ליטהר מסייעין אותו״ (יומא ל״ח ע״ב).

עס קומט דער הייליגער חודש אלול. די ספרים זאגן, אז אלול האט אין זיך די כוחות פון אויפהייבן א איד און ארייננגעבן אין אים אהבה ויראה, ווייל דער כח ליגט אין די טעג און אין די זמנים. זאל דער אייבערשטער העלפן, אלע אידישע קינדער בכל מקום שהם זאלן זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און ניצול ווערן פון אלעם שלעכטן. מיר זאלן זוכה זיין צו א שנה טובה ומתוקה, א געהאלפן יאר בכלליות ובפרטיות, ברוחניות ובגשמיות. מיר זאלן זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.